קיעוו 1913

טייערער ליבער ברודער!

ניט געקענט אָפּרייסן עטלעכע מינוט 3 ווערטער דיר אָנשרייבן. כון 10 נרי ביז 12 ביי נאכט זיץ איך אין דעם גיהנום, די הארץ פארגאָסן מיט בלוט. אזא קאָשמאר נאָך קיין מאָל אין לעבן ניט געכילט, קיין מאָל ניט גערעכנט אז דער שקר זאָל קענען אזוי שטארק זיין.

אין די קליינע רו-שטונדן שרייב איך מיינע איינדריקע וועלכע עס ווערן פאנאנדערגעשיקט אין 28 פראָווינציעלע צייטונגען. איך שיק דיר 9 טעג. מער אונטער האנט ניטאָ. מאָרגן וועל איך די איבעריקע ארויסשיקן. אפשר וועסטו קענען זיי אוטיליזירן פאר דייטשלאנד אָדער אמעריקע - אדרבא.

ווי נאָר דער פראָצעס ענדיקט זיך, בערך אין 14 טעג ארום (אפשר 12) נעם איך גלייך ארבעטן וועגן א גובערנאטאָר-פאס, אויף דערויף א טעג 5, א טעג צוויי פאָרן, הייסט דאָס אין 20 העכסטנס 25 ארום: פון 30 אָקטאָבער/12 נאָוועמב ביז 18/5 נאָוועמבער.